בעזהשי״ת

## קונטרס

# טעם זקנים

**שיחות התחזקות בעבודת השם**

**ע״ד הסלולה של רביה״ק מוהר״ן מברסלב זי״ע**

## מאת הרה״ח ר׳ לוי יצחק בענדער זצ״ל

**מתובל בסיפורי עובדות מאנ״ש מדורות הקודמים**

**~ אידיש ~**

**קונטרס ו׳ - פרשת בשלח יתרו תשע״ח**

# תוכן השיעור

**אזוי ווי מ'רעדט זיך אויס פאר א גוט'ן פריינד!**

**'אויסגעהווילט' דעם מח!**

**נישט האבן קיין אנדערע 'דבקות'!**

**דעם 'זעלבן' רבי'ן מיינען מיר...!**

**נעמען דעם רבי'נס זאך 'בשלימות'!**

**עס איז נאכנישט אינגאנצן 'מיינס'...!**

**'ישוב הדעת'!**

**'התחזקות' אין רבי'נס עצות!**

**דער 'רבי' מיט'ן 'תלמיד'...!**

**מחשיב זיין די הייליגע מתנה!**

**'דרך ארץ'!**

**'אמונת צדיקים' - מחדש צו זיין די תורה!**

©
כל הזכויות שמורות

הערות והארות מתקבלים בחפץ לב, נא להתקשר אל;
יוסף מענדל האס
מאנסי, נוא יארק
**(+1) 845-200-0443**

**כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלויה בו**

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;
**Rlyb148@gmail.com**

# ~ שיעור בספה"ק חיי מוהר"ן - אות ב' ~
## פרשת בהעלותך, שנת תשמ"ב

(קול הנחל, טייפ מספר 14#)

## אזוי ווי מ'רעדט זיך אויס פאר א גוט'ן פריינד!

חיי מוהר"ן סימן ב';

הַתּוֹרָה קְרָא אֶת יְהוֹשֻׁעַ בְּסִימָן וא"ו, אָמַר בְּשַׁבַּת תְּשׁוּבָה שֶׁאַחַר רֹאשׁ־הַשָּׁנָה הַנִּזְכָּר לְעֵיל (שבת פרשת וילך, ו' תשרי תקס"ג). וְאָז הִזְכִּיר בְּהַתְחָלַת הַתּוֹרָה בְּסָמוּךְ אֶת הַפָּסוּק (יְחֶזְקֵאל א') "וְעַל הַכִּסֵּא דְּמוּת כְּמַרְאֵה אָדָם עָלָיו מִלְמָעְלָה". (וְאַחַר־כָּךְ בִּכְתַב־יָדוֹ הַקָּדוֹשׁ לֹא נִזְכַּר פָּסוּק זֶה עַד סָמוּךְ בַּסּוֹף כַּמְבֹאָר בַּסֵּפֶר עַיֵּן שָׁם (באות ה')). וְאָז אָחַז בִּשְׁתֵּי יָדָיו בִּשְׁתֵּי יְדוֹת הַכִּסֵּא שֶׁיָּשַׁב עָלָיו, וְהָיָה מִתְנוֹעֵעַ עִם הַכִּסֵּא, וְאָמַר בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה וּבִמְסִירַת נֶפֶשׁ עָצוּם מְאֹד בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: כְּשֶׁיּוֹשְׁבִין עַל הַכִּסֵּא אָז הוּא אָדָם. וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: "אַז מֶען זִיצְט אוֹיף דֶער שְׁטִיל דֶעמָאלְט אִיז מֶען אַמֶענְטְשׁ", וְהַדְּבָרִים סְתוּמִים מְאֹד (אָמַר הַמַּעְתִּיק עַיֵּן זֹהַר תַּזְרִיעַ דַּף מ"ח). וְאַחַר־כָּךְ גָּמַר כָּל הַתּוֹרָה הַנּוֹרָאָה הַזֹּאת הַנִּדְפָּס בַּסֵּפֶר.

*

רבי נתן ביים אנהויב התקרבות, ווען ער איז געווארן מקורב צום רבי'ן, האט ער זיך נאכנישט געקענט קיהלען (- בארוהיגן) דאס הארץ! כאטש ער האט געזעהן א געוואלדיגע התפעלות פונעם רבי'ן, מיט דעם 'ראש השנה', ער איז נתפעל געווארן פון די תורה, און אלעם, ער האט אבער געהאט א מין 'ברענונג' (- התלהבות וצמאון), האט ער זיך געדארפט פשוט אפקיהלען מיט די תורה פון ראש השנה!

ער איז געבליבן ביים רבי'ן - ער איז געבליבן אויף גאנץ 'עשרת ימי תשובה', ער איז נישט אהיים געפארן, דער רבי האט מיט איהם אלע טאג גערעדט, גערעדט מיט איהם דיבורים ביחוד, און ער האט נאך אלץ נישט גענומען זיין זאך!

רבי נתן איז געווען א גרויסער 'בעל מח', עס איז פארהאן אמאל גרויסע בעלי מוחות וואס קענען נישט מצמצם זיין די מחשבה, די מחשבה לויפט, [זיי דערציילן טאקע אויפ'ן גרויסן גאון דער ראגאטשאוו'ער - -], עס איז דא אזעלכע מוחות וואס זיי קענען זיך נישט מצמצם זיין, דער מח לויפט, עס פליעט, אפילו גוטע זאכן, אבער עס לויפט, לויפט, לויפט, ממילא קען ער זיך נישט - - - דאס איז דאך דער עיקר זאך.

רבי נתן האט געהאט אין זיך די זאך[א], דער מח איז געווען זייער שארף און גרויס, אבער ער האט זיך נישט געקענט מצמצם זיין, די מח איז איהם געלאפן, געלאפן.

ער איז געווען ביי אסאך צדיקים אויך, און ער האט גערעדט דערפון, און זיי האבן נישט געגעבן איהם קיין עצה דערצו, עס זאל איהם העלפן אויף דער זאך, און וויפיל דער רבי האט אלץ מיט איהם גערעדט, און האט איהם מחזק געווען, האט ער נאך נאכנישט געפונען אין זיך א רפואה אויף זיין זאך, און דער רבי האט אוועקגעלייגט זיין האנט אויפ'ן אקסל פון רבי נתן'ען מיט א ליבשאפט, און איהם א זאג געגעבן; און וויטער איז זייער גוט אז מ'רעדט זיך אוים דאס הארץ פאר'ן אייבערשטן, דהיינו - אזוי ווי מ'רעדט זיך אוים פאר אן אמת'ן גוטן פריינד!" אה, דאס - (אז הבין מוהרנ"ת כי); דאס וועט איהם העלפן! פון היינט מאל אהן וועט ער שוין געהאלפן ווערן, ער וועט אלעם דערציילן די אויבערשטן!!

ער האט געהערט די ווערטער, איז איהם געווארן 'ניחה דעתו', איצטער וועט ער שוין געהאלפן ווערן מיט דער זאך אויך! (עי' כל זה בס' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ד').

*

## 'אויסגעהוילט' דעם מח!

נו, מה-דאך ר' נתן וואס איז שוין געווען אזוי הייליג, ווען ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן איז ער שוין געווען ניין יאר נאך דער חתונה, און אן איידעם ביים גרויסן ר'

[א] עי' חיי מוהר"ן אות שכ"ג (בהשמטות), וס' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ב'.

דוד צבי (אויערבאך זצ"ל אב"ד בק"ק שאריגראד וקרעמיניץ והגליל, ובק"ק מאהלוב יצ"ו), וואס דאס אליינס - וואס א געוואלדיגע מדריגה ער האט שוין דעמאלס געהאלטן!

איך האב געהערט, רבי נתן האט געהאט אין זיך דאס וואס עס שטייט ביי רַב'ן, עס שטייט אין די גמרא[ב]; אז 'רב' האט געהאט אזא זאך, ער פלעגט נישט ארויסקוקן ווייטער פון 'פיר איילן' פון זיך! א געוואלדיגע מדריגה איז דאס - גרויס! 'רבי נתן' האט געהאט אין זיך די מדה, ער האט נישט געקוקט ווייטער פון פיר איילן פון זיך! און אזוי דארטן נאך מדריגות פון קדושה, עפעס געוואלדיג, געוואלדיג, און צדקות און גאונות, איז ער דאך געווען 'מלא וגדוש' - נאך איידער ער איז געקומען צום רבי'ן!

אבער אז ער איז געקומען צום רבי'ן, איז ממש געווען אזוי ווי ביי ר' זירא, ר' זירא האט געפאסט אזוי פיל תעניתים אז ער זאל פארגעסן תלמוד בבלי! (בבא מציעא דף פ"ה ע"א). איך נישט צו פארשטיין, דער רבי רעדט עס דאך אין א תורה (ליקוטי מוהר"ן תו' רמ"ו), ר' זירא האט געפאסט צו פארגעסן 'תלמוד בבלי'?! ר' זירא, האט ער דען פארגעסן תלמוד בבלי?! ער איז באלד אריין אין די ישיבה פון ר' יוחנן - - וואס הייסט ער האט פארגעסן?!

נאר ר' זירא האט געזעהן אז אין ארץ ישראל איז דא אזא מין 'אור התורה', וואס אין בבל איז דאס נישט געווען, ער האט באלד דערפיהלט אז דער 'תורת הירושלמי' איז העכער! - - דער רבי ברענגט טאקע אין די תורה 'חבלים נפלו לי בנעימים' סימן ע"א (תניינא); 'וזהב הארץ ההיא טוב', ס'שטייט אין פרשת בראשית (ב' י"ב), זאגט דער מדרש (ב"ר פ' ט"ז); "אין חכמה כחכמת ארץ ישראל, אין תורה כתורת ארץ ישראל", אויף דעם פסוק 'וזהב הארץ ההיא טוב'!

ר' זירא האט עפעס געזעהן - ער איז נאר געקומען אריין אין ארץ ישראל, האט ער געזעהן אז עס איז א 'אנדערע תורה', עס איז עפעס א אנדערע חכמה, א אנדערע תורה! האט ער געזעהן אז וויבאלד ער איז מלא וגדיש מיט די תורה פון חוץ לארץ, מיט די תורה פון בבל, וועט ער נישט קענען נעמען (פון די תורת ארץ ישראל). האט ער אזויפיל געבעטן דעם אויבערשטן - געפאסט תעניתים - אז ער זאל זיך איגנאנצן פארגעסן דאס! ער דארף איצטערט אריינעמען דעם אור פון 'תורת ארץ ישראל',

---

[ב] עי' מנחות דף ק"י ע"א ברש"י ד"ה שימי את, ועי' בספה"ק ראשית חכמה שער הקדושה פרק ח' - י"ח.

ממילא מוז ער אויסהוילן דעם מח פון פריער! א געוואלדיגע עמקות ליגט אין דעם אויסהוילן - אוועקלייגן זיין גאונות!

דאס איינציגע איז געווען ביי ר' נתן'ען, ר' נתן איז געווארן מקורב, האט ער געזעהן באלד אז ביים רבי'ן איז דא עפעס א אנדערע סארט 'אור', עפעס א אנדערע סארט 'אמת' - - צו דעם דארף מען אויכעט האבן א זכיה, צו באלד דערפילן דאס!

האט ער געזעהן אז אויב ער וועט נישט אוועקלייגן דאס גאנצע, זיין גאונות מיט זיין צדקות מיט זיין יחוס - ער האט געהאט יחוס ארום און ארום - וועט ער בשום אופן נישט קענען נעמען פון דאנעט, ער וועט נישט נעמען! און וואס דארף ער נעמען?! 'גאונות' האט ער אין זיך, 'צדקות' און 'קדושה', מיט אלעם איז ער פול! וואס דארף ער דא נעמען?! אבער אז ער זאל נעמען דער אור וואס ער האט דא געפיהלט - דארף מען האבן א זכיה אז מען זאל זעהן אז דא איז עפעס אנדערש! און דער איבערשטער האט געהאלפן, ער האט באלד דערפילט דאס - ברוך השם.

איז ער אריינגעגאנגען אין דעם אור פונעם רבי'ן, האט ער געמוזט אוועקלייגן אינגאנצן - וואס איז?! ער דארף אוועק לייגן א מח, וואס דער מח איז פול מיט קדושה, מיט צדקות, און נעמען דעם 'גרעסערן אור', און דעמאלטס האט ער געקענט דערפילן דעם רבי'נס זאך!

*

## נישט האבן קיין אנדערע 'דבקות'!

א מענטש דארף אמאל אוועקלייגן די נארישקייטן, רבי נתן האט געדארפט אוועקלייגן די 'צדקות' מיט די 'גאונות' פון פריער - דאס איז 'תורת בבלי' - און נעמען 'תורת ארץ ישראל', דארפן אונז אוועק לייגן די נארישקייטן און נעמען דעם רבי'נס א זאך!

עס קען נישט זיין, אז ס'זאל זיין ביידע צוזאמען, איך וועל האבן מיינע שטותים און מיינע תענוגים - און דאס אויך, דאס קען נישט זיין אזוי! דער רבי איז - אזא מין 'אור אמת' ליגט ביים רבי'ן, אויב דו ווילסט עפעס פיהלן פון דאנעט, מוזטו אוועק לייגן די אלע זאכן!

ווי מיר האבן טאקע גערעדט נעכטן, איינער האט גערעדט - ער האט דערמאנט ר' אלחנן (ספעקטאר ז"ל) האט דאס געזאגט, (ר' אלחנן דארף האבן א גרויסע רפואה, מען זאל אים

אינזינען האבן לרפואה), האט ער געזאגט אז ס'שטייט בשם א זוהר הק'[ג], אז 'וקדושים בכל יום יהללוך סלה', וואס איז דאס לשון 'סלה'? נאר 'סלה' איז טייטש 'אייביג', לויבן דעם אייבערשטן אייביג און נישט אפלאזן דאס דביקות - דאס איז נאר די 'קדושים'! ווייל די קדושים, זיי האבן נישט קיין אנדערע דביקות, זיי זענען אויסגעטאהן פון אלע תאוות - 'קדושים'! איז זיי קענען דיר לויבן 'סלה', ווייל קיין אנדערע זאך האקט נישט איבער ביי זיי!

א מענטש האט עפעס א אנדערע דביקות, אנדערע נארישקייטן, אינמיטן דביקות צום אויבערשטן האקט זיך איהם איבער א אנדערע דביקות - ווערט אפגעהאקט דאס דביקות, קען ער נישט האבן אז ס'זאל זיין ביים איהם כסדר 'סלה'! 'סלה' הייסט 'אן א אויפהער'! אז מען איז אויסגעטאן פון אנדערע דביקות'ן, פון אנדערע תאות, דעמאלטס קען ער לויבן דעם אויבערשטן 'סלה' - עס הערט נישט אויף!

רבי נתן האט געזעהן ביים רבי אז דאס איז אזא מין סארט אור, אז ער דארף זעהן אוועקלייגן אנדערע זאכענישן, נאר דעמאלטס וועט אין איהם אריין דער אור! ער האט געזאגט טאקע; "איך האב דעם מח אויסגעהוילט פון אלעם אינגאנצן[ד]!" דארפן מיר אוודאי דאס זאגן! אריינגיין צום רבי'נס זאך - צו האבן עפעס א שייכות צום רבי'ן - דארף מען זעהן ווי ווייט מ'קען אוועקלייגן דעם מח!

דער אמת איז - אין מח דארף נאר ליגן הייליגע געדאנקען! דער מח איז 'אלקות', דער מח איז 'נשמת שד-י', 'אלקות', 'נשמה שבמוחי' איז דאך נאר אלקות! 'אלקות' קען נישט סובל זיין קיין אנדערע זאך, עס קען נישט זייןביידע צוזאמען! דער רבי זאגט אין תורה ל"ה[ה], אז א כלי וואס ס'איז פול און מ'שטעקט אריין דארטן א זאך, גייט

---

[ג] עי' שושן סודות אות צ"ז ברכת אתה קדוש, ועי' זוה"ק פרשת פקודי דף רס"א ע"ב.

[ד] "געהערט א ווארט פונעם רבי'ן - דאס איז מיין מוח, נאך א ווארט - האב איך נאך אביסל מוח!" (כך הוא המשך השיחה כמבואר כמ"פ בשיחות רלוי"צ זצ"ל במקומות אחרים).

ועי' ליקוטי מוהר"ן תו' קכ"ג; הָעִקָּר וְהַיְסוֹד שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ, לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר, וּלְקַבֵּל דְּבָרָיו עַל כָּל אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה, דָּבָר קָטָן וְדָבָר גָּדוֹל. וְלִבְלִי לִנְטוֹת ח"ו מִדְּבָרָיו יָמִין וּשְׂמֹאל, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (סִפְרֵי פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים); 'אֲפִלּוּ אוֹמֵר לְךָ עַל יָמִין שְׂמֹאל' וְכוּ'. וּלְהַשְׁלִיךְ מֵאִתּוֹ כָּל הַחָכְמוֹת וּלְסַלֵּק דַּעְתּוֹ כְּאִלּוּ אֵין לוֹ שׁוּם שֵׂכֶל בִּלְעֲדֵי אֲשֶׁר יְקַבֵּל מֵהַצַּדִּיק וְהָרַב שֶׁבַּדּוֹר, וְכָל זְמַן שֶׁנִּשְׁאָר אֶצְלוֹ שׁוּם שֵׂכֶל עַצְמוֹ, אֵינוֹ בִּשְׁלֵמוּת, וְאֵינוֹ מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק...

[ה] ז"ל שם בליקוטי מוהר"ן; ...כְּשֶׁאָדָם מַכְנִיס בְּתוֹךְ שִׂכְלוֹ הַקֹּדֶשׁ מַחֲשָׁבוֹת חִיצוֹנִיּוֹת, הֵם חָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת, אֲזַי נִתְמַעֵט קְדֻשַּׁת שִׂכְלוֹ כְּפִי תְּפִיסַת הַמָּקוֹם שֶׁל חָכְמָה חִיצוֹנִיּוֹת, שֵׂכֶל חִיצוֹנִי, בְּתוֹךְ שֵׂכֶל הַקֹּדֶשׁ.

ארוים פון דארט! אז דער כלי איז פול דארטן מיט גאלד, און ער וויל אריין לייגן א שטיקל קופער, אז ס'איז פול מיט גאלד גייט ארוים א שטיקל גאלד פון פריער! דער כלי איז דאך פול פון פריער, עס קען דאך נישט בלייבן, מוז עס ארויסגיין!

דאס איז אויך דאס איינ׳גע, אז א מענטש שטעקט אריין א שלעכטע מחשבה אין מח אריין, גייט ארוים קדושה פון דארטן! דער מח דארף זיין פול נאר מיט קדושה - מיט דעם אויבערשטן פול! און ווי קען אריינגיין א אנדערע זאך?! 'נעץ קנה' ער שטעקט אריין א 'קנה' און דעם 'ים החכמה' - גייט ארוים עפעס פון מח!

אזוי איז ביים רבי'נס זאך - אויב איך וויל נעמען דעם רבי'נס זאך, אן 'עצה' פונעם רבי'ן, אדער בכלל דעם 'גערדאנק' פונעם רבי'ן, און דער 'אמונה האבן' אינעם רבי'ן, מוז איך אוועק לייגן אלע נארישקייטן, אלע זאכן, און נאר טראכטן דעם רבי'נס זאך! אזוי ווי רבי נתן זאגט דארטן (חיי מוהר"ן אות פ"ג): 'אשרי' איז דער וואס זיין מח איז משוטט אין דעם רבי'נס דיבורים!

מען גייט ארוים אין גאס - - די גאס איז דאך א 'רשות הרבים', א רשות הרבים רופט אן דער זוהר 'רשות דסטרא אחרא' (עי' תיקוני הזוהר תיקון ס"ז דף צ"ח ע"ב), דער 'רשות היחיד' איז א רשות פון 'יחידו של עולם', אין רשות הרבים איז אלעם דא, דער רשות הרבים איז דער רשות פון דער סטרא אחרא! וויבאלד אז א מענטש וויל עפעס גיבן א טראכט פון די אנדערע זאך, זאל ער וויסן אז דאס איז א 'סם', דאס איז א 'סם' צו דעם רבי'נס זאך! און עס גייט שוין ארוים א שטיקל 'קדושה', און עס ווערט שוין קאליע דער אמונה אינעם רבי'ן! די עצה פונעם רבי'ן האט שוין נישט דעם חשיבות וואס עס דארף האבן! פארוואס?! ווייל עס איז אריינגעגאנגען א 'קנה', א 'קנה דסטרא אחרא' איז אריין אין דער מח! וואס ס'זאל נאר נישט זיין!

איז די עצה - נאר אסאך רעדן צום אויבערשטן דיבורים; האסט אויף מיר רחמנות געהאט, איך בין מקורב געווארן צו דעם צדיק, צו דעם גרויסן רבי'ן, און זיינע הייליגע

---

וְהַחָכְמָה חִיצוֹנִי הִיא נָעוּץ בְּתוֹךְ הַשֵּׂכֶל הַקֹּדֶשׁ כְּקָנֶה, וּמְחַסֵּר מְקוֹם הַקְּדֻשָּׁה ... וְזֶהוּ (סַנְהֶדְרִין כ"א:): 'כְּשֶׁנָּשָׂא שְׁלֹמֹה אֶת בַּת פַּרְעֹה, יָרַד גַּבְרִיאֵל וְנָעַץ קָנֶה בַּיָּם'. הַיְנוּ שֶׁגַּם לְמַעְלָה, מֵהִשְׁתַּלְשְׁלוּת הַגְּבוּרוֹת, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת יָרַד גַּבְרִיאֵל. נַעֲשָׂה סוּסְפִּיתָא דְּדַהֲבָא, הַיְנוּ בְּחִינַת קְלִפּוֹת, שֶׁהֵם חָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת, הַנִּקְרָא גַּם כֵּן קָנֶה, וְנָעַץ בְּיַם הַחָכְמָה, שֶׁמְּחַסֵּר מְקוֹם הַקְּדֻשָּׁה ... כִּי הַשֵּׂכֶל הוּא הַנְּשָׁמָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (אִיּוֹב ל"ב): "נִשְׁמַת שַׁדַּי תְּבִינֵם"... עיי"ש.

עצות, דעריבער דארף איך זעהן אויסצוהוילן (דעם מוח), אוועקלייגן די אלע נארישקייטן, די אלע זאכענישן - - - אסאך בעטן דעם אויבערשטן.

*

מ'דארף זעהן, נישט האבן קיין 'הפקירות', נישט זיין 'ווילד' (להרס יותר מן המדה), ווייל 'ווילד' טויג נישט, אז מען איז ווילד האט מען גארנישט, ער בלייבט 'קרח מכאן וקרח מכאן'!

דער רבי רופט 'התבודדות' - רופט דער רבי אהן "ישוב הדעת"! (עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' י'), קומט אוים אז התבודדות איז 'ישוב הדעת', נישט זיין ווילד! אז א מענטש האט 'התבודדות' און ער איז ווילד - דאס איז גארנישט קיין וועג! קען ער ממש אראפ פון דער געדאנק, און אינגאנצן ווערן משוגע! התבודדות איז דאך 'ישוב הדעת' - דארף מען בעטן דעם אויבערשטן; "דו האסט מיר מקרב געווען צו אזא מין גרויסן רבי'ן, צו אזא מין הייליגן רבי'ן, צו אזא 'אמת', לאמיר אוועקלייגן די אלע נארישקייטן - - - דאס איז דאך מיין מניעה צו דעם רבי'נס זאך, איך קען דאך נישט צוקומען צו דעם רבי'ן - האבן א געפיהל אינעם רבי'ן זאך - אז איך האב אינזינען יענע נארישקייטן.

*

## דעם 'זעלבן' רבי'ן מיינען מיר...!

רבי נתן ז"ל - האט דער אויבערשטער איהם געהאלפן, ער האט באלד דערפיהלט דעם רבי'ן, און דערפאר האבן מיר איצטער אויך! פארוואס האבן מיר א שייכות צו ברסלב?! עס איז געווען אזויפיל צדיקים, גדולי צדיקים, "דער מעזריטשער מגיד", "דער בארדיטשובער רב", דער "רבי ר' אלימלך", און עס איז געבליבן פון זיי הייליגע ספרים, און זיי האבן געטוהן גרויסע זאכענישן, אבער איצטערט איז נישט שייך צו זאגן אז א מענטש איז "דעם רבי'ן רבי אלימלך'ס א חסיד", "דעם בארדיטשובער רב'ס א חסיד", יא - ער לערנט זיינע ספרים, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל - אבער זיין "דעם רבי'ן רבי אלימלך'ס א חסיד"?! און זיינע עצות?! דאס איז כמעט נישט דא - עס איז נישט שכיח די זאך!

און ביים רבי'ן איז יא דא די זאך, וואס ברוך השם ביי אידן ממש - אז מיר זאגן "דער רבי", מיינען מיר טאקע דעם רבי'ן! מען מיינט דעם רבי'ן וואס רבי נתן האט געהאט!

מען מיינט נישט עפעס א 'מיטעלע רבי', 'אן אלטע רבי' - - "דעם רבי'ן מיינען מיר"! דאס איז דער רבי! פארוואס איז דאס אזוי?! דאס אלץ האט 'רבי נתן' אונז געבראכט דערצו, ער האט אונז צוגעפירט דערצו - אז דאס איז דער רבי וואס עס איז געווען דעמאלטס - איז עס איצטער אויך! און די איינציגע עצות וואס ער האט געגעבן זיינע תלמידים - גיבט ער אונז אויך די איינציגע עצות!

אדרבה, איצטער דארף מען דאך 'מער'! דעמאלטס איז געווען דער 'הבל' א גוטער 'הבל' - א הייליגער 'אויר', אוודאי - דער הבל איז היינט רח"ל זייער פארשטאָפּט, און איז זייער נישט קיין ריינע הבל, אזא הבל, וואס ס'איז געוואלדיג, איז דארף מען דאך אוודאי אנקומען צום רבי'ן און צו זיינע דיבורים!!

רעדן צום איבערשטן דיבורים, דאס איז ממש אזוי ווי - דאס וואשט אוים, דאס וואשט אוים דעם מח, דאס וואשט איהם אוים פון כל מיני נארישקייטן, פון די 'מוחין דקטנות', דאס שטעלט אים אוועק עפעס א שטיקעלע יסוד, א שטיקל אמת! מ'דארף אסאך בעטן דעם איבערשטן אז מען זאל נעמען דעם רבי'נס זאך, אז מען זאל דאס נעמען "יראת ה' לחיים" (משלי י"ט כ"ג) -"יראת ה' תוסיף ימים" (שם י' כ"ז) - ס'זאל זיין א 'תוסיף ימים' דערפון![ו]

מען זעהט דאך טאקע, ס'איז דא נייע 'מקורבים' - נייע 'בעלי תשובות' איז געווארן - ברוך השם גאנץ פיין, אבער אסאך איז דא פון זיי וואס נעמען די זאך נישט אזוי ווי מען דארף, זיי טוען ווילד און טוען ווילד, און מאכן אלע מאל 'גיטין', געשעפטן, מעשה'ס, זיי נעמען נישט די זאך - דעם רבי'נס זאך - מיט דעם אמת![ז]

דער רבי האט געזאגט: "דער וועלט זאל וויסן וויאזוי איך לערן 'דרך ארץ', וואלטן 'קסרים' - מיינט מען 'מלכים' - וואלטן געשיקט די קינדער איך זאל זיי לערנען דרך ארץ"! דאס איז אויך דא ביים רבי'ן! ביים רבי'ן איז דא אן עצה פון 'התבודדות', פון 'חצות', און ס'איז דא אן עצה פון 'דרך ארץ' אויך, דאס איז אויך פון די לימודים פונעם רבי'ן!

---

[ו] מובא כמ"פ בספרי מוהרנ"ת ז"ל, עי' ליקוטי הלכות הל' פסח ט' אות ג', ועוד.

[ז] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ע"ב; ...גַּם בְּעִנְיַן הַהִתְקָרְבוּת עַצְמוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יֵשׁ יֵצֶר הָרָע גָּדוֹל, כְּלוֹמַר שֶׁלִּפְעָמִים רִבּוּי הַהִתְלַהֲבוּת חוּץ מֵהַמִּדָּה הוּא מֵהַיֵּצֶר הָרָע, כִּי זֶהוּ בְּחִינַת "פֶּן יֶהֶרְסוּ" וְכַמְבֹאָר גַּם בְּמָקוֹם אַחֵר...

יעדע זאך פונעם רבי'ן איז פשט - אהן דעם 'פעלט', אן דעם פעלט אינעם רבי'ן זאך! אויב דער מדה פון 'דרך ארץ' מיט 'ישוב הדעת' פעלט - 'פעלט'! איז דער כלי איז נישט קיין גאנצע כלי (עי' תורה נ"ד אות ו')! ווייל דאס האט דער רבי געוואלט!!

*

## נעמען דעם רבי'נס זאך 'בשלימות'!

עס איז דא נאך זאכן וואס דער רבי האט גערעדט דארטן, דער רבי האט נישט געהאלטן פון 'רייכענען ציגארעטן', '(שמעקן) טאביקע', מיט די אלע מעשה'ס[ח], וואס דער רבי נישט געהאלטן דערפון! אבער אז ער רייכעט יא, און ער שמעקט יא - פעלט איהם אין דער רבי'נס זאך! עס פעלט! דער אמונה איז מיר נישט גאנץ! פארוואס רייכער איך?! איך האב נישט דער אמונה אינעם רבי'ן! דער רבי האט דאך געזאגט - עס שטייט דאך אין חיי מוהר"ן (אות רע"ג, ואות תע"ב), אבער בעל פה האבן מיר (מקובל) אז דער רבי האט געזאגט; **"עס איז דא קארג תאוות - דארף מען נאך א תאוה"?!** דער רבי האט עס אנגערופן א "תאוה"! אז דער רבי האט עס אנגערופן א 'תאוה' - איז דאך עס א "תאוה"! עס איז דא פארשידענע תאות, אבער ס'איז דאך אויך א 'תאוה'!! ממילא ווערט דער מח אין א 'מוחין דקטנות', איז שוין דער אמונה נישט גאנץ!

---

[ח] עי' חיי מוהר"ן אות רע"ג; ... וְאַף עַל פִּי שֶׁהוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה יָדַע סוֹד בְּעִנְיַן עֲשַׁן הַטִּיטוּן, אַף עַל פִּי כֵן הִזְהִיר אוֹתָנוּ הַרְבֵּה לְהִתְרַחֵק מִזֶּה מְאֹד, וּפַעַם אַחַת דִּבֵּר הַרְבֵּה מֵעִנְיָן זֶה שֶׁנּוֹהֲגִין הָעוֹלָם לְהַעֲשִׁין טִיטוּן, וְאָמַר שֶׁהוּא שְׁטוּת גָּדוֹל, וּלְעִנְיַן נְקִיּוּת אֵינוֹ מוֹעִיל כְּלָל. וְכֵן הָרֵיחַ טַבַּק שֶׁהוּא גָּרוּעַ עוֹד יוֹתֵר, כַּמְבֹאָר שִׂיחָה זֹאת בְּמָקוֹם אַחֵר.

ושם אות תע"ב; הִזְהִיר אוֹתָנוּ מְאֹד לִבְלִי לְהַרְגִּיל עַצְמֵנוּ לְהַעֲלוֹת עֲשַׁן הַלּוּלְקֵי וּלְהָרִיחַ טַבָּק. וְהֶאֱרִיךְ בְּשִׂיחָה זוֹ וְאָמַר שֶׁרָאוּי לְאִישׁ כָּשֵׁר לִבְלִי לְהַרְגִּיל עַצְמוֹ בָּזֶה, כִּי הֵם בִּטּוּל תּוֹרָה וּתְפִלָּה בְּחִנָּם. וְהוּא דָּבָר שֶׁאֵינוֹ נִצְרָךְ כְּלָל, וּלְעִנְיַן נְקִיּוּת אֵין מוֹעִיל עֲשַׁן הַלּוּלְקֵי כְּלָל ... וּלְהָרִיחַ טַבָּק אָמַר שֶׁזֶּה מַזִּיק וּמְבַטֵּל יוֹתֵר מֵעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא. כִּי מִי שֶׁרָגִיל בָּזֶה אֵינוֹ יָכוֹל לִהְיוֹת בְּלֹא זֶה אֲפִלּוּ שָׁעָה אַחַת, וְהִיא בִּלְבּוּל וּבִטּוּל גָּדוֹל מְאֹד בְּאֶמְצַע הַתּוֹרָה וְהַתְּפִלָּה בִּפְרָט לִפְעָמִים כְּשֶׁאֵין לוֹ טַבָּק. כַּיָּדוּעַ לְמִי שֶׁרָגִיל בָּזֶה. וְגַם קָשֶׁה לְהַשְׁלִיךְ אֶת עִנְיַן הַטַּבָּק מִי שֶׁנִּתְרַגֵּל בָּזֶה. עַל כֵּן טוֹב וְנָכוֹן מְאֹד לִבְלִי לְהַרְגִּיל עַצְמוֹ בְּעִנְיַן הַנְהָגוֹת אֵלּוּ שֶׁל הַטִּיטוּן וְהַטַּבָּק שֶׁאֵינָם נִצְרָכִים כְּלָל, רַק מַזִּיקִים וּמְבַטְּלִים אֶת הָאָדָם מִתּוֹרָה וּתְפִלָּה וְכַיּוֹצֵא.

ועי' בספר כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות כ"ג; רַבֵּנוּ זַ"ל אָמַר לוֹ (- לר' יודל מ'דאשוב ז"ל) בִּשְׁעַת הַהִתְקָרְבוּת, אַתְּ‏נֶה עִמְּךָ שֶׁלֹּא תְּהֵא 'חָסִיד'! וְהִסְבִּיר לוֹ שֶׁכַּוָּנָתוֹ בְּעִנְיַן הַנְּקִיּוּת וְהַתֵּה בְּשַׁחֲרִית וּבַלִּילְקָא וְכוּ'...

זאגט דער רבי אין תורה ס"א; אז מען איז פוגם אין דער אמונה, ווערט ער נידון מיט א מח פון 'מותרות'![ט] וואס איז 'מותרות'? זאגט דער רבי דארטן, אז 'דואג' איז געווען - ער האט געקענט אזויפיל פנים של תורה, א געוואלד וויפיל תורה ער האט געהאט אין זיך 'דואג', ער איז געווען דער 'אביר הרועים', דער גרעסטער פון די סנהדרין איז ער געווען! און ער האט געהאט א מח פון 'מותרות'!! האט ער דן געווען אז דוד איז 'אסור לבא בקהל' - אזוי האט ער דן געווען - און ער איז געווען אזוי פול מיט תורה! פארוואס?! ווייל ער האט נישט געהאט די 'אמונה'!

דער אמת איז דאך אז דוד המלך איז דער מלך המשיח, און ער איז דער גאנצער תיקון פון דער וועלט, דער גאנצער תיקון העולם איז ער, ער איז דער רגל הרביעי פון דער מרכבה, א געוואלד ווער דוד איז, א געוואלד, דער מלך המשיח, משיח צדקינו, אלעם 'דוד', 'דוד'! און ער (- דואג) האט איהם גע'רודפ'ט, און דן געווען אז ס'קומט איהם מיתה רח"ל - האט ער באקומען אז מין סארט מח, א מח פון 'מותרות'! "נעצר לפני ה'" - זאגט דער רבי - 'עצירות' - זאגט דער רבי דארטן אין תורה ס"א! ער האט געהאט א מח פון עצירות, א מח פון מותרות!!

זעהען מיר דערפון, אז דער אמונה אינעם צדיק - - וואס דער אמונה איז מער אינעם צדיק בתמימות ובפשיטות, איז דער מח ביי איהם 'ריינער', האט ער מער פונעם צדיק - ער נעמט פון איהם 'מערער'! אפילו דער עצה וואס ער טוהט, ער איז מקיים די עצה - איז די עצה מיט מער שלימות! אז דער אויבערשטער העלפט, א מענטש שטייט אויף דארטן 'חצות', ער האט 'התבודדות', אז דער אמונה אינעם רבי

---

[ט] וז"ל שם; ...כִּי כָל הַלִּמּוּדִים שֶׁהָאָדָם לוֹמֵד, צָרִיךְ שֶׁיְּקַבֵּל וְיוֹצִיא מֵהֶם מִשְׁפְּטֵי אֱמֶת, שֶׁלֹּא יִהְיֶה בִּבְחִינַת מִשְׁפָּט מְעֻקָּל. דְּהַיְנוּ, שֶׁיְּקַבֵּל וְיִלְמַד מִכָּל הַלִּמּוּדִים שֶׁלּוֹמֵד, מִשְׁפְּטֵי הַנְהָגוֹת. שֶׁיֵּדַע אֵיךְ לְהִתְנַהֵג, הֵן לְעַצְמוֹ, הֵן לַאֲחֵרִים שֶׁמִּתְנַהֲגִים לְפִי דַּעְתּוֹ, כָּל אֶחָד וְאֶחָד כְּפִי בְּחִינָתוֹ, כְּפִי הַמֶּמְשָׁלָה וְהָרַבָּנוּת שֶׁיֵּשׁ לוֹ, הֵן לְרַב אוֹ לִמְעַט. וְכָל זֶה זוֹכִין עַל יְדֵי אֱמוּנַת חֲכָמִים, שֶׁהוּא בְּחִינַת: "לֹא תָסוּר" וְכוּ'. וְאָז יוּכַל לְהוֹצִיא מִשְׁפְּטֵי הַנְהָגוֹת יְשָׁרוֹת, בִּבְחִינַת מִשְׁפְּטֵי אֱמֶת, שֶׁאֵינוֹ נוֹטֶה לְיָמִין וּשְׂמֹאל כַּנַּ"ל ... אֲבָל כְּשֶׁנִּדּוֹן בְּמוֹתָרוֹת, עַל יְדֵי פְּגַם אֱמוּנַת חֲכָמִים כַּנַּ"ל. אֲזַי עוֹלִים עֲשָׁנִים סְרוּחִים אֶל הַמֹּחַ, וּמְעַרְבְּבִים וּמְבַלְבְּלִין דַּעְתּוֹ. וַאֲזַי אֵינוֹ יָכוֹל לְהוֹצִיא מִשְׁפְּטֵי אֱמֶת ... וְדוֹאֵג, עַל־יְדֵי שֶׁלִּמּוּדוֹ הָיָה מִבְּחִינַת אֵלּוּ הַמּוֹתָרוֹת, בִּבְחִינַת הַנֶּאֱמַר בְּדוֹאֵג (שְׁמוּאֵל־א כ"א): "וְשָׁם אִישׁ מֵעַבְדֵי שָׁאוּל נֶעְצָר לִפְנֵי ה' וּשְׁמוֹ דוֹאֵג" וְכוּ' וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: 'עוֹצֵר עַצְמוֹ וְכוּ' לַעֲסֹק בַּתּוֹרָה'. כִּי לִמּוּדוֹ הָיָה מִבְּחִינַת עֲצִירוּת, בְּחִינַת מוֹתָרוֹת. עַל יְדֵי זֶה, לֹא הָיָה מוֹצִיא מִלִּמּוּדוֹ מִשְׁפְּטֵי אֱמֶת, רַק מִשְׁפָּט מְעֻקָּל. וְעַל־כֵּן הָיָה דָּן שֶׁאֵין דָּוִד רָאוּי לָבוֹא בְּקָהָל (יְבָמוֹת ע"ו:), וְזֶה הָיָה, עַל־יְדֵי שֶׁלִּמּוּדוֹ הָיָה מִמּוֹתָרוֹת כַּנַּ"ל:

איז גאנץ - איז עס א 'אנדערע התבודדות', עס איז א 'אנדערע חצות', עס איז 'גאנץ', עס איז 'גאר בשלימות'!

מיר רעדן דערפון - נישט אראפ צו ווארפן יענעם, מיר רעדן דערפון אז מיר זאלן זיך 'באנייען' אין דער זאך!

*

## עס איז נאכנישט אינגאנצן 'מיינס'...!

דער 'שבועות' וואס ס'איז געווען - מען האט דאס גערופן ביי ר' נתן "דער גרויסער שבועות", מען האט עס גערופן דער גרויסער שבועות - ס'איז געווען 'אכציג מענטשן' געווען, (מ'האט אפגעציילט 'אכציג לעפל' פאר אכציג מענטשן), "דער גרויסער שבועות" האט מען דאס גערופן! דעמאלטס האט רבי נתן געזאגט די תורה - דער תורה פון 'תקעו תוכחה' (ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ח') האבן מיר פון רבי'ן געהערט זייער שוואך, דער רבי איז שוין געווען זייער שלאַף און נישט געזונט, דער רבי האט געזאגט דער תורה זייער שטיל, האט מען גארנישט געהערט פונעם רבי'ן דער תורה. און ווען רבי נתן האט איבערגעזאגט דער תורה (בשבועות הגדול הנ"ל), איז עס געווען ממש ווי א 'נייע תורה', און ער האט געזאגט אן 'הלכה' אויף דער תורה. האט ער נאכדעם געזאגט אזוי; "מיר האבן דאך מקבל געווען די תורה, באהיט זיך - נאך שבועות איז געווען אן 'עגל' - מען זאל נישט מאכן קיין עגל"!

נאך קבלת התורה איז געווארן אן 'עגל'! דעמאלטס ביי קבלת תורה - "והר סיני עשן כולו - באש" - א 'פייער', א בארג פול מיט 'פייער', דער הר סיני איז געווען 'פול מיט פייער', א געוואלד, עס שטייט דאך אין די תורה אזוי! וואס פאר א מין סארט ברענונג די אידן האבן געהאט, "פנים בפנים דיבר השם עמכם", 'פנים בפנים', אזא מין התגלות אלקות איז געווען, א געוואלד, אזוי איז געווען, אזוי איז געווען, אזא מין ברען צום איבערשטן! און נאכדעם - נאך אזא מין התגלות זאל ווערן אן 'עגל'?! זעהט מען דאך דערפון ארויס, וויבאלד אז אז אידן האבן געקענט נאך מצרים - וואס מען איז געווען אזוי משוקע אין אלע מ"ט שערי טומאה, און אזוי גיך האט מען געגעבן אזא מין תורה, אזא מין לעבטיגקייט, האט ער געוויסט - דער בעל דבר - אז דאס איז נאכנישט זייער'ס! מען האט זיי געשענקט א תורה, מען האט זיי געשענקט א אש, א פייער פון "פנים בפנים דיבר ה' עמכם", אבער 'ער אליין' איז דאך גארנישט!

אזא חסרון איז דא - א מענטש אז ער האט עפעס א התעוררות צום אויבערשטן, דאכט זיך איהם אז דאס איז 'מיינס', איך קען שוין זאגן א 'דעה', איך קען שוין מישן זיך, איך האב שוין א דעה, איך בין שוין אויך א הייליגע מענטש! ניין, פארגעס נישט - דו אליין ביסט טאקע נישט לאנג געווען אין מצרים, און דארטן איז געווען מ"ט שערי טומאה, נאר איין זאך איז געווען - אז מ'האט זיך נישט מתחתן געווען, מען האט זיך נישט מתחתן געווען, אבער אלע אנדערע זאכן איז דארטן געווען פיהל רח"ל, און - דערנאך גיבט מען מיר אזא מין לעבטיגקייט, דארף איך וויסן אז דער לעבטיגקייט איז 'נישט מיינס', דארף איך זייער היטן, זייער מורא האבן![י]

רבי נתן האט אזוי געזאגט; "מיר האבן מקבל געווען די תורה", א געוואלדיגע התעוררות איז דעמאלטס געווען דער שמועס, "זעהט אז מען זאל נישט מאכן קיין עגל"!!

*

אזוי איז תמיד דעם רבי'נס זאך, אט העלפט דער אויבערשטער ער ווערט נתעורר, ער האט א גוטע מינוט, דער בעל דבר ווייסט דאס - "דער גאנצער וועלט לאזט ער אפ, און נעמט זיך נאר צו תלמידי חכמים"! (עפ"י לשון הגמ' סוכה דף נ"ב ע"א; "ובתלמידי חכמים יותר מכולם" וכו', ושם להלן "כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו"), ער לאזט אפ אלע און נעמט זיך נאר צו ברסלב'ער חסידים! און ווער?! די וואס טוהען מעהר אין די זאך - נעמט ער זיך צו זיי מעהרער![יא] דארף מען וויסן אז דעם רבי'נס זאך איז זייער - אז מען זאל

---

[י] עי' ליקוטי הלכות הל' קריאת שמע הלכה ד' אות ה', וז"ל; .. הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, שֶׁצָּרִיךְ לְבַטֵּל דַּעְתּוֹ לְגַמְרֵי, כְּאִלּוּ אֵין לוֹ שׁוּם דַּעַת עַצְמוֹ כְּלָל, וְיִסְתַּכֵּל רַק עַל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, וְיִמְשֹׁךְ עַצְמוֹ רַק אֶל הָאֱמֶת שֶׁהוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה, וְלֹא יַטְעֶה אֶת עַצְמוֹ, וְאָז בְּוַדַּאי יִזְכֶּה לְקַבֵּל עֵצוֹת קְדוֹשׁוֹת וְתִקּוּן גָּדוֹל מֵהַצַּדִּיק וְתוֹרָתוֹ, אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא תִּקֵּן בְּרִיתוֹ עֲדַיִן וְאֵין הַמֹּחַ שֶׁלּוֹ בִּשְׁלֵמוּת, וְהָעִקָּר שֶׁיַּכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ וְיֵדַע זֹאת בְּעַצְמוֹ, אֵיךְ הַמֹּחַ שֶׁלּוֹ אֵינוֹ מְתֻקָּן כָּרָאוּי, מֵחֲמַת פְּגַם הַבְּרִית שֶׁלּוֹ כְּפִי מַה שֶּׁיּוֹדֵעַ בְּנַפְשׁוֹ, וְעַל כֵּן הוּא צָרִיךְ לְבַטֵּל דַּעַת עַצְמוֹ לְגַמְרֵי, וּכְשֶׁבָּא אֶל הַצַּדִּיק יַטֶּה דַּעְתּוֹ רַק עַל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, וְכֵן כְּשֶׁעוֹסֵק בַּתּוֹרָה יְבַטֵּל בְּכָל פַּעַם הָעַרְמִימִיּוּת שֶׁנִּכְנַס בְּתוֹכוֹ, וִיבַקֵּשׁ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיְּגַלֶּה לוֹ נְקֻדַּת הָאֱמֶת בְּכָל פַּעַם שֶׁיֵּדַע תָּמִיד בְּכָל עֵת אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ...

[יא] עי' חיי מוהר"ן אות ש"א. ובלקוטי הלכות הל' תפלת המנחה ז' אות כ"ג; ...וּבִפְרָט אֵלּוּ הַמִּתְעוֹרְרִין לָשׁוּב לַה' יִתְבָּרַךְ וּלְהִתְקָרֵב לְצַדִּיקֵי אֱמֶת, וְהֵם חֲלוּשֵׁי כֹּחַ וְכוּ', שֶׁעֲלֵיהֶם מִתְגַּבֵּר וְחוֹתֵר הַיֵּצֶר הָרָע יוֹתֵר, וְרוֹצֶה לְהַפִּילָם חַס וְשָׁלוֹם, וְהֵם מִתְיַגְּעִים לְהִתְגַּבֵּר עָלָיו, וְיֵשׁ לָהֶם שִׁנּוּיִים בְּחִינַת עֲלִיּוֹת וִירִידוֹת בְּלִי שִׁעוּר, בְּחִינַת יַעֲלוּ שָׁמַיִם יֵרְדוּ תְהוֹמוֹת וְכוּ', וְעַל כָּל זֶה צְרִיכִין הִתְחַזְּקוּת גָּדוֹל וְעָצוּם מְאֹד....

האבן 'התחזקות'! און 'ישוב הדעת'! און נישט מיינען 'איך בין שוין פארטיג', 'איך קען שוין זאגן א דיעה', 'איך קען שוין זאגן קריגערייי', אז מ'מישט אין קריגעריי ווערט שלא כסדר, טאר מען נישט דעם געדאנק!

דאכט זיך מיר, אין אן הלכה ברענגט רבי נתן[יב], אז די נייע וואס ווערן 'נאר וואס' מקורב, קען זיין א 'פן יהרסו' ביים אנהויב התקרבות, ווייל ער איז נאכנישט צוגעגרייט דערצו - ביים אנהויב התקרבות - ער פארגעסט אינגאנצן אז ער האט נאך א גאנצע 'קופה מיסט' ביי זיך, און ער האט זיך נישט אנגעיאגט צו רייניגען אויך, נאר וואס דען - ער איז מקורב געווארן צום אויבערשטן - אבער דער 'קופה מיסט' איז נאך א 'קופה מיסט'! זעה אז ס'זאל נישט ווערן קיין 'ריח רע' פון די קופה מיסט!! און ווען ווערט דאס?! אז ער הייבט אן מישן זיך, ער הייבט אן קריגן זיך, דערוועקט זיך זיינע 'רתיחת הדמים'[יג], און ער קען קאליע ווערן אינגאנצן גאר אויך!

דער אמת איז, ביי יעדעם איינעם איז אזוי - עס דא א מכתב פונעם רבי'ן, דער רבי איז געווען אין 'זאסלאב', און דער רבי איז געווען שלאַף, און ער האט געבעטן אז מען זאל בעטן גא-ט פאר איהם - א מכתב איז דא (ריש עלים לתרופה, הובא בחיי מוהר"ן אות

---

[יב] עי' לקוטי הלכות הל' תפלת המנחה ז' אות י'; ...כִּי הַיֵּצֶר הָרָע וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא אוֹרְבִים עָלָיו מִכָּל צַד, כְּשֶׁמִּתְעוֹרֵר בּוֹ אֵיזֶה הִרְהוּר תְּשׁוּבָה לָשׁוּב לַה' יִתְבָּרַךְ, הוּא חוֹתֵר עָלָיו לְבַלְבְּלוֹ בְּכָל מִינֵי בִּלְבּוּלִים וּמְנִיעוֹת, לִפְעָמִים כִּפְשׁוּטוֹ שֶׁמִּתְגַּבֵּר עָלָיו אָז דַּיְקָא בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל בְּמַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת שֶׁהֵם עִקַּר הַיֵּצֶר הָרָע כַּנַּ"ל. וְלִפְעָמִים כְּשֶׁהָאָדָם מִתְגַּבֵּר נֶגְדּוֹ בַּמֶּה דְּאֶפְשָׁר, הוּא מִתְגַּבֵּר עַל-יְדֵי הִתְלַהֲבוּת הַלֵּב יוֹתֵר מִדַּאי, וְלִפְעָמִים בְּשָׁעָה אַחַת הוּא מְעֻרְבָּב בְּרֶגַע אַחַת בּוֹעֵר לִבּוֹ מְאֹד וְכוּ', וּבְתוֹךְ כָּךְ בּוֹעֵר לִבּוֹ לְתַאֲווֹת עוֹלָם הַזֶּה מְאֹד וְכוּ', שֶׁזֶּה בְּחִינַת יַעֲלוּ שָׁמַיִם יֵרְדוּ תְהוֹמוֹת כַּמּוּבָא בִּדְבָרָיו ז"ל ... וּמִזֶּה בָּא חֵטְא הָעֵגֶל אַחַר מַתַּן תּוֹרָה בְּהִתְגַּלּוּת אֱלֹקוּת פָּנִים בְּפָנִים כָּזֶה בְּאוֹתוֹת נוֹרָאוֹת כָּאֵלּוּ וְכוּ' וְכוּ'. כְּמוֹ שֶׁהוֹכִיחָם מֹשֶׁה הֲנִהְיָה כַּדָּבָר הַגָּדוֹל הַזֶּה וְכוּ'. וְאַף-עַל-פִּי-כֵן קִלְקְלוּ כָּל כָּךְ תֵּיכֶף עַד שֶׁהַמֶּלֶךְ בִּמְסִבּוֹ וְכוּ', וְהַכֹּל עַל-יְדֵי בְּחִינָה הַנַּ"ל. עַל-כֵּן נִצְטַוָּה מֹשֶׁה אַחַר כָּךְ בְּבִנְיַן הַמִּשְׁכָּן בִּשְׁבִיל תְּשׁוּבָה וְתִקּוּן לְחֵטְא הָעֵגֶל שֶׁכּוֹלֵל כָּל הַחֲטָאִים. כִּי הָעִקָּר שֶׁצְּרִיכִין לְהִשְׁתַּדֵּל בְּכֹחַ הַצַּדִּיקֵי אֱמֶת בְּחִינַת מֹשֶׁה לְצַמְצֵם הַהִתְלַהֲבוּת כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ וְלֹא יֶהֶרֹס הַגְּבוּל וְכוּ'...

[יג] עי' לקוטי הלכות הל' רבית ה' אות ל"ד; ...עַל כֵּן כְּשֶׁהַבַּעַל דָּבָר מַסִּית אֶת הָאָדָם לְהַטְעוֹתוֹ לְאֵיזֶה דֶּרֶךְ לֹא טוֹב עַל יְדֵי הָאֱמֶת שֶׁלּוֹ, בִּפְרָט כְּשֶׁמַּסִּיתוֹ לְהַחֲזִיק בְּמַחֲלֹקֶת מֵחֲמַת הָאֱמֶת שֶׁלּוֹ, צָרִיךְ לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ אִם הוּא זַךְ וְנָקִי מֵהַתַּאֲווֹת, בִּפְרָט מִתַּאֲוָה הַנַּ"ל. וּמֵאַחַר שֶׁיּוֹדֵעַ בְּעַצְמוֹ שֶׁאֵינוֹ נָקִי, אֵיךְ אֶפְשָׁר לוֹ לְהַעֲמִיד עַל הָאֱמֶת שֶׁלּוֹ, בִּפְרָט לִרְדֹּף אַחַר אִישׁ יִשְׂרָאֵל, מִכָּל שֶׁכֵּן אַחֲרֵי רַבִּים. כִּי הָאֱמֶת הַבָּרוּר, בְּחִינַת אֱמֶת לַאֲמִתּוֹ אֵין זוֹכֶה כִּי אִם הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁהוּא בְּחִינַת נְקִי כַפַּיִם בֶּאֱמֶת, שֶׁהוּא נָקִי מִכָּל הַתַּאֲווֹת, בִּפְרָט מִתַּאֲוָה הַכְּלָלִיּוּת לְגַמְרֵי, שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם עֲבֵירַת הַדָּמִים, וְרַק הוּא זוֹכֶה לֶאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ. וּשְׁאָר הָעוֹלָם, עִקַּר הָאֱמֶת שֶׁלָּהֶם הוּא, לֵידַע שֶׁהֵם רְחוֹקִים מֵהַשָּׂגַת הַדַּעַת הָאֲמִתִּי, רַק צְרִיכִין לְהִתְחַזֵּק בֶּאֱמוּנָה וְכַנַּ"ל...

קס"ו) - דער רבי האט געשריבן צו זיי; 'יעדער איינער זאל געדענקען ווי איך האב איהם געטראפן בשעת איך בין געקומען קיין ברסלב, איך האב איהם ארויסגעצויגן פון 'שיני סמ"ך מ"ם'! יעדער איינער זאל געדענקען דער טוב וואס ער האט דורכ'ן רבי'ן, ווי איך בין - דארף איך געדענקען דער טוב וואס איך האב באקומען דורכ'ן רבי'ן!

*

נו, אינעם רבי'נס רייד איז דא - יעדע זאך דארף איך האבן אמונה אינעם רבי'נס דיבורים, מ'נעמט און מ'רייכערט א ציגארעט אין שול, אפילו נישט אין שול, נאר ווי מען רייכערט עס, איז עס ממש "הגם לכבוש את המלכה עמי בבית"! פארוואס רייכער איך?! ווייל דער אמונה איז ביי מיר נישט גאנץ! איך גלייב נישט אז דער דיבור - - - אז ס'איז א 'מצוה קלה' - איז עס 'כבחמורה'! פון וואנעט ווייס איך ס'איז 'קלה'? אויב אז די מצוה איז גורם א פגם אמונת חכמים, איז עס אויך א מצוה - איז קיין נפקא מינה נישט! וואס ס'שטייט אין די תורה - א גרויסע זאך א קליינע זאך - אין די תורה איז נישטא קיין חילוק, עס איז מפי ה', עס איז מפי הגבורה! אויב עס איז ארוים מפיו הקדוש - פונעם רבי'נס הייליגן מויל - אז מ'זאל נישט רייכערן, נישט שמעקן טאביק, נישט טרינקען קיין משקה המשכר א גאנץ יאר[י"ד] - איז דאס 'הייליג', איז דאס 'תורת משה'! דאס איז 'תורת משה'! נישט מאכן קיין שום גרינגקייט, מאך נישט קיין שום הנחה!!

* * *

# 'ישוב הדעת'!

רבי נתן האט באלד געהערט פונעם רבי'ן די ווערטער; זיך אוים רעדן פאר השי"ת דאס הארץ (אזוי ווי פאר א גוטן פריינד), איז דאס איהם גלייך געפאָלן! מיר דארפן אויך האבן די עצה פונעם רבי'ן, נאר דער עצה רופט אן דער רבי "ישוב הדעת", די עצה דארף מיך נישט מאכן 'משוגע', אז די עצה מאכט מיר משוגע - די עצה פון התבודדות - איז דאס נישט קיין 'התבודדות'! אדרבה, דער רבי רופט עס אן 'ישוב הדעת', און עס

[י"ד] עי' עי' ליקו"מ תניינא תו' כ"ו, ובלקוטי הלכות הל' יין נסך הלכה ד', ועי' כוכבי אור - ששון ושמחה בחידושים אות א'.

מאכט מיר גאר משוגע, איך באקום אזעלכע נארישע געדאנקען דערפון, אדער העכער פון מיין מאס - - -

מען דארף טאקע זעהן מ'זאל ווערן בעסער, איך דארף טאקע ווערן בעסער, אבער איך דארף זיך קענען - איך דארף זיך קענען ווער בין איך! איך דארף זיין דערמיט מלא שמחה וואס איך האב זוכה געווען מקורב ווערן צו דעם רבי'ן, און אז איך בין נישט קיין מתנגד אויפן רבי'ן, ס'איז ביי מיר חשוב די אלע ספרים - דארף איך זיין זייער בשמחה דערפון, זייער פרייליך דערמיט, אבער - פארגעם נישט ווער דו ביסט, פארגעם נישט! דאס דארף איך אויך האבן.

אזוי שטייט אין די 'ששה זכירות', איינס איז דא; '**זכור אל תשכח** (את אשר הקצפת את ה' אלקיך במדבר)' פארגעם נישט - האסט דעם אויבערשטן דערצערנט, דאס מיינט מען דעם 'עגל', דארף מען דאס געדענקען 'תמיד'! און אויך געדענקען אז דו ביזט געווען אויפן 'בארג סיני' אויבעט! אה, איזביידע זאכן דארף מען האבן, דער זכירה - ברוך השם, מען דארף געדענקען און דאנקען דעם אויבערשטן אויפ'ן התקרבות פונעם צדיק, און געדענקען - דו האסט דעם אויבערשטן דערצערנט, דו ביסט נאכנישט פארטיג, דאס דארף מען אויך געדענקען!

ממילא האב איך דערפון - אז מען מישט זיך נישט אין די אלע 'פאליטיקען', אין די אלע 'מעשיות'.

*

האט דער אויבערשטער רחמנות געהאט - מיט דעם וואס רבי נתן האט באלד דערפילט דעם רבי'ן ביים אנהויב התקרבות - אז דערוייל האבן מיר עפעס אויבעט, האבן מיר איצטער אויך, מיר זיצן דא ביים טיש, מיר הייסן ברסלב'ער חסידים, מיר האבן עפעס!

דער רבי האט געזאגט טאקע; 'מען דארף איהם זייער אסאך דאנקען, ווען נישט ער וואלט נישט געבליבן פון מיר, קיין בלעטל שמות'! (חיי מוהר"ן אות ש"ע). וואס הייסט 'קיין בלעטל שמות'? עס וואלט אינגאנצן פון דעם רבי"נס זאך נישט געבליבן - ווען נישט רבי נתן! גאר גאר גרויסע צדיקים געווען - דער מעזריטשער מגיד - געוואלדיגע צדיקים געווען, גרויסע, מען רעדט אמאל א ווארט פון דער מעזריטשער מגיד, א ווארט פונעם באררדיטשובער רב, א ווארט פונעם רבי'ן רבי אלימלך, אבער -

האבן אַן עסק מיט זיינע ענינים און זיינע עצות - דאס האט נאר דער רבי זוכה געווען!!

*

דער רבי האט געזאגט טאקע; ער האט אוועקגעגעבן זיין אשת נעורים -ס'איז א געוואלד - ער האט אוועק געגעבן! ער האט געהאט בנים זכרים (שנסתלקו) - ס'איז א געוואלדיג! דער רבי אליין איז נסתלק געווארן דערוועגן! אלץ וועגן דעם - צוליב אונז, ס'זאל אונז זיין א טובה![טו] דער בעל דבר האט נישט געשוויגן, 'אזא רבי', 'אזא רבי', ס'זאל בלייבן אויף הונדערטער יארן נאך איהם, 'אזא רבי' 'אזא רבי'?! א רבי - בימיו איז ער א רבי, אז ער איז נסתלק געווארן - איז היינט דא אנדערע צדיקים, ניין! א רבי וואס 'לאחר הסתלקותו' אזויפיל יאר איז ער אויך זיין רבי - אויב דו ווילסט ס'זאל זיין אזא מין רבי, האט ער נישט געשוויגן (דער בעל דבר)!

אבער ברוך השם, אז דער רבי האט אזוי פיל געליטן פאר אונז, אז מיר זאלן אויך עפעס האבן - פארדעם האט דער רבי אזוי פיל געליטן, ער האט געליטן 'בזיונות', און אלעם - כדי מיר זאלן עפעס האבן!

*

מען האט געלערנט אין דער תורה 'וביום ביכורים' (ליקוטי מוהר"ן תו' נ"ו) דער רבי טייטש אריין דארטן 'מנחה חדשה' - זאגט דער רבי דארטן 'תורה חדשה'! מנחה חדשה זאגט דער רבי תורה חדשה! 'תורה דעתיקא'.

דעם רבי'נס דיבורים - דאס באנייעט אונז דעם לערנען! עס קומט שבת מ'וועט נאכאמאל ליינען דעם פרשת בהעלותך, מען וועט מאכן א ברכה אויף דער תורה, יעדער איינער ווייסט שוין 'בהעלותך', מ'קען שוין די פרשה בהעלותך, מען האט עס שוין אזוי פיל יארן געליינט, פונדעסטוועגן דארף זיין ביי דיר ניי די 'בהעלותך', מען מאכן א ברכה בשם ומלכות, א ברכה ראשונה, א ברכה אחרונה, ווייל איצטער הער איך! איך נעם איצטער דער תורה! דאס איז דעם רבי'נס זאך, דעם רבי'נס זאך געבט אריין א ענין פון 'התחדשות', זיך באנייען!

*

---

[טו] עי' חיי מוהר"ן אות של"ה, ומכתב מרבינ"ל בחיי מוהר"ן אות קס"ו הנ"ל.

# 'התחזקות' אין רבי'נס עצות!

דארף מען האבן דער 'התחזקות', וואס רבי נתן איז פול מיט 'התחזקות', אז מען גייט אריין אינעם רבי'נס זאך אריין, דעמאלטס דארף מען האבן דער התחזקות! רבי נתן האט אמאל אוים גערעכנט אסאך צדיקים - ער האט ער גערעכנט די נעמען; "פארוואס איז יענער געווען אזוי, ווייל ער האט געהאט אין זיך אזויפיל דער מדה פון התחזקות" - ער האט אויסגערעכנט אסאך, דעם און דעם, אויסגערעכנט, (און האט אויסגעפירט); "פארוואס בין איך דאס וואס איך בין - ווייל איך האב אין זיך אזויפיל די מדה פון התחזקות"!

אז מען גייט אריין אין רבי'נס זאך, דארף מען האבן גרויס התחזקות! איך בין דאך נישט וואס דער רבי וויל - איך וויל - איך דארף דאך זיך קענען, דארף מען זיך האלטן מיט דעם ביסעלע; אבער איך וויל אבער פארט, איך בין פארט נישט קיין מתנגד אויפן רבי'ן, ס'איז פארט ביי מיר חשוב דעם רבי'נס א דיבור, און אז איך בין ווייט פון דעם - בעהט איך אויף דעם, איז דאס שוין א געוואלדיגע התחזקות! יעדע זאך פונעם רבי'ן, וואס ס'איז דעם רבי'נס א זאך - דארף עם האבן התחזקות!

*

למשל, עס איז דא אזויפיל ישיבות היינט, און וואו איז א ישיבה אויפן רבי'נס נאמען?! נאר איין ישיבה איז דא - אין בני ברק - א ישיבה אויפן רבי'נס נאמען, דארטן לערנט מען דעם רבי'נס דיבורים, דארט קען מען אויפשטיין ביינאכט 'חצות'! דארף עס האבן א געוואלדיגע התחזקות, ס'איז א געוואלדיגע חשיבות, דא איז דאס ארט וואס מען קען רעדן א דיבור פונעם רבי'ן, דא איז דאס ארט ווי מען קען אויפשטיין ביינאכט חצות, און מען קען האבן אביסל התבודדות אויכעט, דא איז דאס ארט! א געוואלדיגע חשיבות דארף דאס האבן, דארף עס האבן התחזקות, יעדע זאך וואס ס'האט א שייכות צום רבי'ן דארף האבן די זאך התחזקות! ווייל דער בעל דבר שווייגט נישט, וועט ער צולאזן אלעס?! דעם רבי'נס א זאך - וויל ער דיר נישט צולאזן!

עס איז דא אזעלכע וואס זיי זאגן - איך דערמאן דאך נישט קיין נאמען - זיי זענען אזוי ווייט פון די ענין פון התבודדות, זיי זאגן אז התבודדות איז א 'ביטול תורה', מען קען לערנען אין דער שעה, מען קען לערנען א שעה, מען קען דאך לערנען, לערנען! און זיי האבן א שייכות צו אונז אויכעט, און זאגן אזעלכע ווערטער - אז התבודדות איז

'ביטול תורה', מ'קען לערנען די שעה! פארוואס איז דאס?! ער פיהלט נישט דעם רבי'נס זאך אז ער דארף עס האבן! אז ער וועט נישט האבן דעם 'ישוב הדעת', די 'שעה', האט ער גארנישט!

און נאכדעם, (אז מ'מאכט התבודדות) איז דער לערנען אן אנדערע לערנען אויך, ער לערנט דערנאך א בלאט גמרא, א פרק משניות, איז עס א אנדערע לערנען אויך! און אז מען האט נישט דאס (התבודדות) איז עס 'יא יא, ניין ניין', וואס א נפקא מינה - וואס א געשעפט האב איך?! איך לערן דאך! איך בטל דאך נישט! דאס נעמט זיך אויכעט דערפאר - ער פילט נישט דער טובה פונעם רבי'ן, ער פילט נישט וואס דער רבי וויל פון איהם!

*

# דער 'רבי' מיט'ן 'תלמיד'...!

המשך מספר חיי מוהר"ן סימן ב' הנ"ל;

**וּבִשְׁעַת אֲמִירַת הַתּוֹרָה לֹא דִּבֵּר כְּלָל מֵעִנְיַן כַּוָּנַת אֱלוּל, רַק אַחַר־כָּךְ כְּשֶׁגָּמַר אֲמִירַת הַתּוֹרָה הַזֹּאת אַחַר שֶׁהִתְפַּלֵּל עַרְבִית וְהִבְדִּיל, אַחַר־כָּךְ חָזַר וְדִבֵּר מֵהַתּוֹרָה הַזֹּאת כְּדַרְכּוֹ תָּמִיד, וְאָז עָנָה וְאָמַר לַאֲנָשִׁים חֲשׁוּבִים זְקֵנִים שֶׁיָּשְׁבוּ אֶצְלוֹ אָז, שֶׁהָיוּ מִתְפַּלְּלִים מִתּוֹךְ סִדּוּר הָאֲרִ"י זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; תֹּאמְרוּ לִי אֵיךְ מְרֻמָּז בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל כָּל הַכַּוָּנוֹת שֶׁל אֱלוּל?! וְהֶחֱרִישׁוּ וְלֹא עָנוּ, כִּי בֶּאֱמֶת אִי אֶפְשָׁר בְּשׁוּם אֹפֶן לְהָבִין מֵעַצְמָן סוֹד הַכַּוָּנוֹת שֶׁל אֱלוּל אֵיךְ מְרֻמָּזִים בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל.**

**וְצִוָּה לְהָבִיא לְפָנָיו סִדּוּר הָאֲרִ"י זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וּפָתַח אוֹתוֹ וְהֶרְאָה לִפְנֵיהֶם הַכַּוָּנוֹת שֶׁל אֱלוּל. וְאַחַר־כָּךְ פָּתַח פִּיו הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא, וְהִתְחִיל לְגַלּוֹת פְּלָאוֹת אֵיךְ כָּל הַכַּוָּנוֹת שֶׁל אֱלוּל מְרֻמָּזִים שָׁם בְּדֶרֶךְ נִפְלָא וְנוֹרָא מְאֹד, כַּמְבֹאָר מִזֶּה בַּסֵּפֶר.**

ביי ר' נתן איז עס דאך געווען ביים אנהויב התקרבות, ער איז אינגאנצן נישט געווען מלומד מיט אזעלכע לעכטיגקייטן, אזעלכע אורות, אזעלכע השגות, זאגט רבי נתן דא; **אֲבָל אִי אֶפְשָׁר לְצַיֵּר בִּכְתָב אֶת הַשִּׁעוּר שֶׁבַּלֵּב, אֶת כָּל הַנְּעִימוֹת וְהַנִּפְלָאוֹת תְּמִים דֵּעִים שֶׁהִרְגַּשְׁתִּי אָז בְּעֵת שֶׁזָּכִיתִי לִשְׁמֹעַ כָּל זֶה!** דאס איז

געוועזן ביים אנהייב, דאס ערשטע 'ראש השנה', דאס ערשטע 'שבת תשובה', וואס איך האב דעמאלטס געפילט! אה, א זכיה געהאט, באלד ביים אנהויב, אזוי פיהלן אזא מין זאך, "מען קען נישט מצייר זיין דעם נעימות וואס איך האב דעמאלטס געפילט, בעת שזכיתי לשמוע כל זה"! אה אה.

עס איז א געוואלדיגע זאך ווען מען לערנט אזעלכע דיבורים, עס דארף זיין ביי אונז דעם רבי'נס זאך אזוי חשוב, ס'ליגט עפעס א לעכטיגקייט דא - וואס קען מיר מאכן לעכטיג אומעטום! מאכן דעם דאווענען א אנדערע דאווענען, א אנדערע לערנען, אנדערע געדאנקען, א אנדערע שלאפן, א אנדערע אויפשטיין, עפעס א מין לעכטיגקייט ליגט דא!

*

**גַּם דִּבֵּר אַחַר שַׁבָּת מֵהַתּוֹרָה הַנַּ"ל שֶׁמְּדַבֶּרֶת שָׁם מִמֹּשֶׁה וִיהוֹשֻׁעַ וְאֹהֶל מוֹעֵד, שֶׁהֵם בְּחִינַת נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה וּנְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה וְוָאו. וְאָז אָמַר לִי** דער רבי האט שוין גערעדט צו ר' נתן'ען, 'אמר לי' - **בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן; שֶׁבְּכָל מָקוֹם שֶׁמִּתְוַעֲדִין יַחַד רַבִּי וְתַלְמִיד נַעֲשֶׂה בְּחִינָה זֹאת, בְּחִינַת מֹשֶׁה וִיהוֹשֻׁעַ וְאֹהֶל מוֹעֵד!**

אה, דער רבי האט איהם שוין געגעבן צו הערן, דער רבי האט אים געזאגט - ער איז טאקע דער 'יהושע', באלד דעם ערשטן שבת תשובה האט איהם דער רבי שוין געזאגט; אז ווי ס'איז דא א רבי מיט א תלמיד - - - דער רבי האט מיר געזאגט! (עי' פרפראות לחכמה שם תו' ו')

א נייער תלמיד ביים רבי'ן - ביים רבי'ן איז געוועזן ר' יודל, און ר' שמואל אייזיק, זיי זענען מקורב געווארן נאך פאר ארץ ישראל, אזעלכע גדולים צדיקים קדושים! האט דער רבי 'מיר' געזאגט, 'אמר לי' האט דער רבי מיר געזאגט!

**וְהִנֵּה כָּל זֶה הָיָה בְּהַתְחָלַת הִתְקָרְבוּתִי אֵלָיו** - אה, ביים אנהויב 'התקרבותי אליו', מיר זענען שוין מקורבים יארן, צעהן יאר, פופצן יאר, צוואנציג יאר, מער, אלטע מקורבים. ביי איהם איז געווען 'אכט טאג', ביים אנהויב התקרבות, **וְאָז לֹא זָכִיתִי עֲדַיִן לִכְתֹּב לְפָנָיו הַתּוֹרוֹת הַגְּדוֹלוֹת** איינער האט געשריבן דעמאלטס, ר' אברהם פעטעבורג'ער (מתלמידי רביז"ל), ער פלעגט שרייבן, ער אליינס איז געווען א בארדיטשוב'ער (מעיר בארדיטשוב), נאר שפעטער האט מען איהם גערופן

פעטעבורג'ער, רַק הַמַּאֲמָרִים הַקְּצָרִים כָּתַבְתִּי בְּעַצְמִי שֶׁלֹּא בְּפָנָיו, וְהָיִיתִי מִתְגַּעְגֵּעַ זְמַן הַרְבֵּה לְקַבֵּל זֹאת הַתּוֹרָה אֶצְלוֹ בִּכְתִיבַת יָדוֹ הַקְּדוֹשָׁה, וְלֹא זָכִיתִי לָזֶה עַד אַחַר פּוּרִים שֶׁהָיִיתִי אָז אֶצְלוֹ בְּמֶעדְוֶועדִיוְקֶע - ווען דער רבי האט חתונה געמאכט דעם טאכטער שרה'קע, דער חתונה איז געווען ר"ח ניסן אין מעדוועדיווקע, און ר' נתן האט שוין געהאט אזא געפיהל אינעם רבי'ן, אז ער איז אוועק געפארן און געווען איבער פסח - איבער געלאזט א שטוב פסח - און געווען ביים רבי'ן, איבער א חודש געווען דארטן! (עי' ימי מוהרנ"ת ח"א אות ג').

וְאָז יָשַׁבְתִּי לְפָנָיו וְהֶעְתַּקְתִּי הַתּוֹרָה הַזֹּאת לְפָנָיו, וּמִפִּיו יִקְרָא אֵלַי מִתּוֹךְ סִפְרוֹ בִּכְתַב־יָדוֹ הַקְּדוֹשָׁה, וַאֲנִי כּוֹתֵב עַל הַנְּיָר.

*

## מחשיב זיין די הייליגע מתנה!

אה! א מוסר השכל פאר אונז, מיר דארפן זיין זייער פריילעך, דער אויבערשטער האט אויף אונז רחמנות געהאט, מען זעהט דאך עס איז דא אזעלכע יראים ושלמים אין די וועלט, ממש מיר קומען נישט לקרסוליהם - און זענען מתנגדים אויפ'ן רבי'ן! אידן יראים ושלמים, תלמידי חכמים, און זיי ווייסן נישט פונעם רבי'ן, און זיי זענען מתנגדים גאר אויך, זיי ווייסן נישט! איז פארוואס ווייסן מיר יא?! 'פארוואס' - ווייסן מיר נישט![טז]

רבי נתן האט אזוי געזאגט; "דאס וואס די וועלט איז ווייט פון אייך, איז מיר נישט קשה, נאר ווי קום 'איך' צו אייך?" האט דער רבי איהם געזאגט; "דאס איז אויך נישט קשה"! קומט אויס אזוי - אז נישט מחמת מיר זענען בעסער פון זיי דערפאר זענען מיר (זכינו להתקרב) - - ניין! נישט דערפאר! נאר מיר ווייסן נישט, מיר ווייסן נישט פארוואס!!

דער רבי איז א סוד, 'א סוד', ער איז געווען א סוד פאר גדולים, פאר צדיקים, פאר קדושים, און אונז - וואס זענען מיר?! אונז האט דער אויבערשטער געהאלפן!

---

[טז] עי' לקוטי הלכות הל' ברכת הריח וברכת הודאה ד' אות כ"ג; ...וּכְמוֹ כֵן בְּכָל דּוֹר וָדוֹר אִי אֶפְשָׁר לְהָבִין מִפְּנֵי מָה זָכוּ אֵלּוּ לְהִתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת יוֹתֵר מִשְּׁאָר אֲנָשִׁים, כִּי כָל זֶה הוּא בְּחִינַת סְגֻלָּה שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְהָבִין כְּלָל וכו'...

אונזערע לייט פלעגן זאגן, דער רבי האט געזאגט 'מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד' (ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' כ"ד), דערמיט קען מען זיין תמיד פרייליך - אז מען איז נישט קיין מתנגד אויפן רבי'ן! מ'מעג זיין תמיד (בשמחה, ולהודות להשי"ת על זה); 'רבונו של עולם, איך דאנק דיין הייליגע נאמען אז איך בין נישט קיין מתנגד אויפן רבי'ן! דערמיט מעג איך זיין תמיד פרייליך!

*

וְאַחַר־כָּךְ בְּאֵיזֶה עֵת בְּסָמוּךְ בַּלַּיְלָה עָמַדְתִּי לְפָנָיו כְּשֶׁכְּבָר יָשַׁב עַל מִטָּתוֹ וְרָצָה לִישֹׁן, וְדִבַּרְתִּי עִמּוֹ אָז הַרְבֵּה, וְאָז גִּלָּה לִי הַשְּׁלֹשָׁה מִצְווֹת שֶׁנִּצְטַוּוּ יִשְׂרָאֵל בִּכְנִיסָתָן לָאָרֶץ שֶׁשַּׁיָּךְ לָזֶה כַּנִּדְפָּס בִּמְקוֹמוֹ שָׁם, עַיֵּן שָׁם. וְסִיֵּם אָז וְאָמַר כִּי כָּל שָׁלֹשׁ מִצְווֹת אֵלּוּ הֵם בְּחִינַת תְּשׁוּבָה כַּנִּדְפָּס שָׁם.

וְאָז שָׁאַלְתִּי אוֹתוֹ אֵיךְ שָׁלֹשׁ מִצְווֹת אֵלּוּ הֵם בְּחִינַת תְּשׁוּבָה, עָנָה וְאָמַר; זֶה תֹּאמַר אַתָּה, "דָאס זָאג דוּא שׁוֹין"! - דאס זיי דו שוין אליין מחדש!

וּבָזֶה הָלַכְתִּי אָז מִלְּפָנָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וְתֵכֶף הִתְחַלְתִּי לַחֲשֹׁב בָּזֶה, וְתֵכֶף בַּדֶּרֶךְ הֲלִיכָתִי מִבֵּיתוֹ לָאַכְסַנְיָא שֶׁלִּי הִזְמִין לִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בָּזֶה חִדּוּשִׁים נָאִים, וּבְבוֹאִי לָאַכְסַנְיָא שֶׁלִּי מָצָאתִי בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כְּלִי כְּתִיבָה, וְכָתַבְתִּי מִיָּד מַה שֶּׁחֲנָנִי ה' בָּזֶה, וְזֶה הָיָה בִּתְחִלַּת חִנּוּכִי לְחַדֵּשׁ בְּתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה, שֶׁחִנֵּךְ אוֹתִי בְּרַחֲמָיו וּדְרָכָיו הַנִּפְלָאִים.

וּבַיּוֹם שֶׁלְּאַחֲרָיו הֵבֵאתִי לְפָנָיו מַה שֶּׁכָּתַבְתִּי, וְהוּטַב בְּעֵינָיו, וְשָׂחַק מֵחֲמַת שִׂמְחָה, וְעָנָה וְאָמַר; תּוּכַל לִלְמֹד אִם תִּהְיֶה מַתְמִיד. "דוּ וֶועסְט קֶענֶען לֶערְנֶען אַז דוּא וֶועסְט בַּגֶערִין"! - 'באגערן' איז א לשון אין אוקריינא, אזוי ווי צו זאגן - 'אז די וועסט באגערן צו לערנען וועסטו קענען לערנען'! 'באגערן' איז אזא מין חשק, 'איך באגער', איך וויל די זאך, א שטארקע רצון, הייסט 'מען באגערט'.

אַךְ אַף־עַל־פִּי־כֵן אַחַר־כָּךְ הֻכְרַחְתִּי לְהַפְסִיק מִלְּחַדֵּשׁ עַד שֶׁאֶלְמַד פּוֹסֵק הַרְבֵּה וְאַחַר־כָּךְ סִפְרֵי קַבָּלָה וְכוּ' עַד שֶׁאַחַר־כָּךְ צִוָּה לִי לְחַדֵּשׁ וְאַחַר־כָּךְ צִוָּה לִי לִכְתֹּב כַּאֲשֶׁר מְבֹאָר מִזֶּה בְּמָקוֹם אַחֵר (לְקַמָּן תל"ה):

רבי נתן האט געהאט א ציווי פונעם רבי'ן אז ער מוז אלע טאג מחדש זיין, אלע טאג 'מחדש זיין'! ס'איז געווען אמאל א טאג, רבי נתן האט נישט געהאט קיין חידוש, ער

האט נישט געהאט וואס מחדש צו זיין, ער האט נישט! אבער ער האט דאך א ציווי פונעם רבי'ן אז ער מוז מחדש זיין, איז ער ארויס אין פעלד, געהאט אביסל התבודדות, און ער האט געזאגט; "האב איך מיר אויסגעקוועטשט פונעם קליינעם פינגער א חידוש" - פונעם קליינעם פינגער האב איך אויסגעקוועטשט א חידוש!

*

דער רבי נתן, דער רבי נתן, וואס ער האט רדיפות - נאך איצטער אויך - אז דער מענטש שווייגט נישט, ער איז איצטער מקרב אידן צום אויבערשטן, ער ברענגט אריין אין אידן הרהורי תשובה, זיינע ספרים גייען אין די וועלט, האט ער איצטער אויך א געוואלדיגע התנגדות - וואס מען רעדט אויס אויף דעם צדיק! אבער על כל פנים, זאלן מיר כאטש נישט זיין קיין מתנגדים! ביי אונז זאל כאטש זיין חשוב די תפילות, מיט די ספרים, די מכתבים! וויפיל מענטשן מקורבים וואס זענען געווארן מקורב דורך זיינע מכתבים![י] אה.

*

# 'דרך ארץ'!

דאס איז א גרויסער לימוד ביים רבי'נס זאך - אז דער אויבערשטער העלפט אז מ'ווערט נאנט, זאל מען גיין מיט א 'מדה', מיט א 'ישוב הדעת', נישט לויפן, נישט פליען! און זיך היטן זיך זייער - ער זאל זעהן אז דורך איהם זאל ווערן נתקדש שם רבינו! אבער וויבאלד אז ס'איז דא אזעלכע ווילדע זאכן - ווערט א 'חילול שם', וואס זאגט מען - אז דאס איז ברסלב, אז דאס איז ברסלב! מען זאגט נישט אויף אים אליין - מען זאגט אויפ'ן גאנצן זאך - אז דאס איז ברסלב! האט ער אויף זיך אן אחריות; איינס - 'ער אליין' גייט נישט אויף דער וועג וואס ער דארף גיין, און - די 'שם רבינו' ווערט נתחלל דורך דעם!

ביי אנדערע חסידות'ן רעדט מען נישט פון 'דרך ארץ', וואס האט א שייכות 'חסידות' מיט 'דרך ארץ'?! אבער ביים רבי'ן איז דאס געווען א 'יסוד' - "דרך ארץ האט א שייכות מיט חסידות"! דרך ארץ!

---

[י] עי' עלים לתרופה מכתב צ"א בסופו; וְתִהְיֶה מַרְאֶה אֵלּוּ הָאִגְּרוֹת לְאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ הַחֲפֵצִים בֶּאֱמֶת, וְתַחֲזֹר וְתַצְנִיעֵם אֶצְלְךָ, כִּי הֵם דְּבָרִים יְקָרִים וּצְרִיכִים לְשָׁמְרָם, כִּי יִהְיוּ נִצְרָכִים בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְהַחֲיוֹת נְפָשׁוֹת רַבּוֹת בְּחַסְדּוֹ הַגָּדוֹל יִתְבָּרַךְ.

אז איך בין געקומען קיין רוסלאנד, איז איך בין געווען א יונגעל (א בחור) דעמאלטס, און זיי זענען שוין געווען (עלטערע מענטשן), זאגן זיי מיר "איר"! וואס זאגט איר מיר 'איר' - זאג מיר 'דו'! זאגט ער; 'דא גיבט מען כבוד איינער דעם אנדערן'! ער האט מיר געזאגט 'איר'!

עס איז געווען דארטן דרך ארץ - איינער דעם אנדערן מכבד זיין, דאס איז אויך א יסוד פון אונזער זאך - 'דרך ארץ'!

*

און אזא רבי רופט אן התבודדות; "ישוב הדעת", דאס איז א ישוב הדעת! ישוב הדעת! דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן תו' י'); פארוואס דער וועלט איז ווייט פון השי"ת - איז 'רק' ווייל זיי זענען ווייט פון 'ישוב הדעת'! רופט עס דער רבי אן 'ישוב הדעת', דער התבודדות דארף מיר געבן א - 'ישוב הדעת' דארף ער מיר גיבן, נישט קיין ווילדקייט!

*

(השואל; עס איז געווען זאכן וואס דער רבי האט אויסגערעכנט, וואס דער רבי האט געזאגט דרך ארץ?) ניין ניין, נאר "בכלל"! (השואל; ער האט גערעדט פון כאפן ביים עסן?) דאס איז א באזונדערע זאך, נישט דעמאלטס, דער רבי פלעגט אמאל - נישט אלעמאל - דער רבי האט אוועקגעשטעלט דער טעלער, און מען האט גענומען, יעדער איינער האט גענומען עפעס שיריים! נאר גענומען - מיט אזא מין יראת שמים - נישט כאפן!

און שיריים - איז דא א ירושלמי, שטייט דארטן פון 'שיריים פון א צדיק', דארט דערמאנט דער ירושלמי 'שיריים', שיריים איז א גרויסע זאך! נאר וואס דען - נישט כאפן!

דער רבי האט אוועקגעשטעלט דער טעלער, האט יעדער איינער גענומען עפעס, שיריים איז אזוי הייליג, פונדעסטוועגן - 'כאפן' נישט!

איך געדענק, אמאל אין אומאן איז געווען א הונגער, ממש - שבת א 'בייגל ברויט' איז געווען א געוואלד, א שטיקל חלה. איז געווען אמאל עפעס א קידוש ביי א גביר, האט איינער געבעטן דעם אנדערן; 'געב מיר א כאפ', האט דער חבר געכאפט פאר אים, האט זיך אויפגעשטעלט ר' מרדכי באברינעצער (ואמר); "ביי אונזער טיש

כאפן"?! "ביי אונזער טיש כאפן"?! 'א געוואלד', 'א געוואלד', ס'איז געווען עפעס א הונגער - ביי אונזער טיש זאל מען כאפן?!

*

## 'אמונת צדיקים' - מחדש צו זיין די תורה!

אין יעדער זאך ליגט דערינען - וויבאלד עס איז ארויס געגאנגען מפיו הקדוש, מוז דאס אזוי זיין! ס'איז מיר שווער - קען איך נאר בעטן דעם אויבערשטן! אבער נישט - איך זאל מאכן א 'שינוי' אין דער זאך! דער זאך - אזוי מוז עס זיין, אנדערש קען נישט זיין! מיר איז שווער?! בעט דער אויבערשטן!

אז עס מאכט זיך א מצוה אין דער תורה וואס ס'איז מיר שווער מקיים זיין די מצוה, וועל איך מאכן חלילה א שינוי אין דער מצוה?! דער מצוה איז א 'מצוה', דער מצוה וועט נישט ווערן נשתנה גארנישט! מיר איז שווער?! בעט דעם אויבערשטן, בעט דעם אויבערשטן אז דו זאלסט קענען קומען דערצו!

יעדע עצה פונעם רבי'ן - דער רבי רעדט פון די נקודה פון 'חצות' - אז מיר איז שווער, וועל איך געבן א דריי אינעם חצות?! דאס איז א זאך - דאס ווערט נישט נשתנה! עס האט אין זיך א זמן; זעקס שעה פון תחילת הלילה, 'זעקס שעה' - 'הן בקיץ והן בחורף'! (עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קמ"ט). דאס ווערט נישט נשתנה, דאס איז דער עצה! דיר איז שווער?! זיי דיר מיישב פאר'ן אויבערשטן, אפשר דאכט זיך דיר אז ס'איז שווער, אפשר מיינסטו! און אפילו אויב דו ביסט טאקע נישט געזונט, איז שוין אויך דא דיבורים[יח], אבער די עצה איז אן עצה!

אז עס קומט ווייטער דארטן - עס קומט זומער - היינט איז דער זמן קריאת שמע איז נאך 'זיבן', מען רעדט נישט פון דאווענען ותיקין, אוודאי איז דאס גוט, אבער נאך זיבן איז שוין די זמן קריאת שמע! נאך זיבן איז שוין די זמן קריאת שמע! נו, דארף מען דאווענען דארטן (לפני סוף זמן קרי"ש), און מענטשן זענען זיך מיקל אז עס איז דא א אנדערע זמן, ביי אונז איז געווען נאר פון 'מגן אברהם' (או"ח סי' נ"ח סק"א) - פונעם 'עלות

---

[יח] אולי הכוונה למה שמובא בס' כוכבי אור אנשי מוהר"ן אות כ"א שאמר רביז"ל לר' דוב מ'טשערין; 'דַיְין חֲצוֹת וֶועט זַיְין דְרַיי אַזֵייגֶער'! עיי"ש הענין. וכמו"כ יש דיבור מרביז"ל (מובא בשיש"ק ב' מ"ג); "אַז אַ מֶענְטְש אִיז גֶעזוּנְט דַארְף עֶר טָאהְן אוּן טָאהְן אוּן טָאהְן (בתורה ועבודה), אִיז עֶר קְרַנְק - דַארְף עֶר אַוֶועק לָאזְן דֶעם שֶׁערִין אַיְיזְן"! - כלומר, צריך לעזוב את העבודות הקשות, ולעשות כפי יכלתו.

השחר'! נישט פון 'נץ החמה'. דאס איז דער זמן קריאת שמע פון אונז! דארף מען אויפשטיין פריער! און דער רבי האט זייער מזהיר געווען "היטן דעם שלחן ערוך"!

דעם רבי'נס ספר איז געווארן געדרוקט בחיי רבינו, צוויי און א האלב יאר פארן רבי'נס הסתלקות - דער לקוטי מוהר"ן, איז איינער געגאנגען צום רבי'ן רעדן - פרעגן עפעס א פשט אין לקוטי מוהר"ן, האט דער רבי איהם נישט געענטפערט דעם פשט, דער רבי האט אים אזוי געזאגט; "דו מעגסט קנייטשן מיין ספר וויאזוי דו ווילסט, נאר טשעפע נישט קיין סעיף קטן שלחן ערוך"!

זעהען מיר אז ביים רבי'ן איז געווען אזוי הארב די זאך, "מעגסט קנייטשן דעם ספר נאר נישט טשעפענען דעם שלחן ערוך"! שלחן ערוך - דאס איז אלץ 'אמונה', איך זאל נוצן 'אמונת חכמים' קעגן די 'תורה הקדושה'?! נאר וואס דען, אמונת הצדיקים איז אזוי גרויס - וואס זיי זענען 'מחדש' דער תורה הקדושה! דאס איז 'מחדש' דער אמונה בהשם יתברך! דאס איז מחדש די אלע מצות התורה!

*

דער אויבערשטער העלפט - מען שטייט אויף אינדערפרי, און מען טוהט אן די תפילין, אז ער האט אביסעלע 'ישוב הדעת' פריער, איז דאס - 'אה' מיט אזא מין התחדשות! מיט אזא מין שמחה! די גמרא זאגט דארטן (ברכות דף ל' ע"ב); **'תפילין מנחנא'!** אזא מין שמחה ליגט דערין! און אזוי יעדער מצוה.

*

דער רבי זאגט טאקע אין די תורה 'ימי חנוכה' (ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ב'), דער רבי רעדט דארטן, שבת איז 'נחמנו', שבת איז 'בן', שבת איז 'שמחה' - רעדט דער רבי דארטן![יט] דער רבי'נס נאמען איז דארטן דא - שבת איז 'נחמה', און שבת איז 'בן', שבת איז 'שמחה', שוין ברוך השם - א גוטער 'נחמה' דער שבת, מיר האבן איהם! ס'איז 'נחמה', און ס'איז 'בן', און ס'איז 'שמחה'! (עי' שיש"ק ב' רפ"ב).

[יט] ז"ל שם בליקוטי מוהר"ן; ...אֲבָל שַׁבָּת הוּא בְּחִינַת בֵּן, וְאָז נַיְחָא לְעִלָּאִין וְתַתָּאִין, וְנִתְעוֹרֵר שִׂמְחָה, וַאֲזַי נִתְרוֹמְמִין וְנִתְעַלִּין כָּל הַמִּצְווֹת שֶׁל שֵׁשֶׁת יְמֵי הַחֹל מִן הָעַצְבוּת, וְנִמְשָׁךְ עֲלֵיהֶם מְנוּחָה וְשִׂמְחָה, בִּבְחִינַת (בְּרֵאשִׁית ה): "וַיּוֹלֶד בֵּן וַיִּקְרָא שְׁמוֹ נֹחַ לֵאמֹר, זֶה יְנַחֲמֵנוּ מִמַּעֲשֵׂנוּ וּמֵעִצְּבוֹן יָדֵינוּ", הַיְנוּ בְּחִינַת שַׁבָּת שֶׁהִיא בְּחִינַת בֵּן, בְּחִינַת נֹחַ, נַיְחָא דְּעִלָּאִין וְתַתָּאִין (עַיֵּן תִּקּוּן ע' בְּסוֹפוֹ וּבַזֹּהַר בְּרֵאשִׁית נ"ח נ"ט), שֶׁהוּא מְנַחֵם וּמְשַׂמֵּחַ הַכֹּל מִן הָעַצְבוּת, בִּבְחִינַת: "זֶה יְנַחֲמֵנוּ" וְכוּ'...

*

מען האט היינט ארום גערעדט אביסל פון דרך ארץ, ווייל דער צייט ברענגט דערצו, איך זעה דארטן ווי ס'כאפט זיך אריין אביסל ווילדקייט, און די וועלט זאגט אויף ברסלב אז זיי זענען 'ווילדע מענטשן', קומט אויס אז מ'מאכט איגנאנצן דער ברסלב עפעס אזוי ווי א 'ווילדקייט'.

דער רבי האט אזויפיל גערעדט פון 'דרך ארץ', אזויפיל גערעדט פון 'ישוב הדעת', און דא קומט אויס אז זיי זענען ווילד און ווילד און ווילד! פון וואנט נעמט זיך דאס?! איז דען חלילה דעם רבי'נס זאך גורם דערצו?! ניין! ווייל מען נעמט נישט דער זאך אזוי מען דארף! און מען גייט נישט מיטן דרך פון 'תמימות ופשיטות' אזוי ווי דער רצון פונעם רבי'ן איז געווען! קומט אוים פונקט פארקערט, ווייל דא איז דער וועג פון דרך ארץ, זאגט מען גאר אז דאס איז ווילדקייט - - -

* * *

מיר האבן ברוך השם אלעם - אלעם גוט'ס, נאר וואס דען, די זאך פון תמימות ופשיטות פעלט אונז, מיר דארפן זיין מער בתמימות ובפשיטות - דער אייבערשטער זאל אונז העלפן!

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **זלמן לייב ראזענבערג** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**זכות רביה"ק זצ"ל יגן בעדו להתברך בכל מילי דמיטב**

מוה"ר **ברוך יחזקאל קויפמאן** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת נישואי בנו למזל טוב**

מוה"ר **יעקב אדלער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב**

מוה"ר **שמשון אליהו ווייס** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב**

מוה"ר **אלי' פאדוואו** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת נכדתו למזל טוב**

מוה"ר **משה ליכטער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת היכנס בנו לעול התורה והמצוות למז"ט**

מוה"ר **ראובן ווייס** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת היכנס בנו לעול התורה והמצוות למז"ט**

מוה"ר **שלמה זלמן הכהן שווארטץ** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **אליעזר סג"ל פעלזען** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **יואל סאנדעל** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**